**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/29/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול דעקלערט סטעיט אָוו עמערדזשענסי פאר גאנץ ניו יארק סיטי, לאנג איילענד און די האדסאן וואלי ראיאן צוליב גרויסע רעגנס פאראורזאכנדיג פלוצלינגדיגע פארפלייצונגען**

***מער פון זעקס אינטשעס פון רעגן באריכטעט אין ברוקלין ביז שפעט פרייטאג אינדערפרי***

***פלוצלינגדיגע פארפלייצונג ווארענונגען זענען אין קראפט פאר די מערסט-באטראפענע ראיאנען***

***ניו יארקער געמוטיגט צו זיין פארזיכטיג ביז פארפלייצונג ווארענונגען ווערן אראפגענומען און אזוי אויך זיך צו פארמיידן פון אריבערגיין אדער אריבערדרייווען פארפלייצונג וואסערן***

***סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס פאלגן נאך אומשטענדן און קאארדינירן סיי וועלכע אפרופונג באדערפענישן מיט לאקאלע רעגירונגען***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט דעקלערט א סטעיט אָוו עמערדזשענסי פאר גאנץ ניו יארק סיטי, לאנג איילענד און די מיד-האדסאן ראיאן, אזוי ווי שווערע רעגנס זעצן פאר צו פאלן אין די דאַונסטעיט ראיאן. א באריכטעטע זעקס אינטשעס רעגן איז שוין געפאלן אין ברוקלין, מיט די העכסטע שנעלקייטן זייענדיג דריי אינטשעס פער שעה, פאראורזאכנדיג פלוצלינגדיגע פארפלייצונגען מיט מערערע ווירקונגען אויף רייזע און טראנספארטאציע אנגייענדיג שטייענדיג פרייטאג אינדערפרי.

"איך גיב ארויס א סטעיט אָוו עמערדזשענסי פאר ניו יארק סיטי און די ארומיגע קאונטיס אין קראפט אויף א באלדיגן פארנעם, כדי צו העלפן אדרעסירן די אנגייענדע שטורעם און פארפלייצונג אפרופונג אין באטראפענע געגנטער", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אונזער מאנשאפט שטייט אין נאענטע פארבינדונג מיט אונזערע סיטי און קאונטי שותפים, און מיר זענען גרייט צו צושטעלן סיי וועלכע נויטיגע שטיצע צו האלטן ניו יארקער זיכער."

אונטער גאווערנער האקול'ס פאראָרדענונג האט די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס'ס ( Division of Homeland Security and Emergency Services, DHSES) אפיס פון עמערדזשענסי מענעדזשמענט (Office of Emergency Management) אקטיווירט די סטעיט עמערדזשענסי אפעראציעס צענטער צו אקטיוורהייט נאכפאלגן די שטורעם אומשטענדן בשעת מעשה און צו ארויסהעלפן מיט לאקאלע רעגירונגען'ס פארלאנגען פאר הילף. די סטעיט אפיס פון פייער פארמיידונג און קאנטראל (Office of Fire Prevention and Control) האט אקטיווירט איר פייער אפעראציעס צענטער צו אפשיקן פארפלייצונג רעטונג מאנשאפטן צו נעסאו קאונטי און וועסטשעסטער קאונטי צו ארויסהעלפן מיט פארפלייצונג עמערדזשענסי אפרופונג.

די נאציאנאלע וועטער סערוויס האט ארויסגעגעבן א פארפלייצונג וואַטש פאר רוב פון די ניו יארק סיטי, לאנג איילענד און האדסאן וואלי ראיאנען. פלוצלינגדיגע פארפלייצונג ווארענונגען ווערן ארויסגעגעבן אזוי ווי אומשטענדן טוישן זיך. אדווייזאריס פאר פארפלייצונגען פון די ים ברעגעס זענען אויך אין קראפט.

פאר א פולע ליסטע פון וועטער אלערטס און פארשאצונגען, באזוכט די נאציאנאלע וועטער סערוויס'ס וועבזייטל אויף alerts.weather.gov. ניו יארקער ווערן געמוטיגט זיך צו איינשרייבן פאר NY Alert, די סטעיט'ס אומזיסטע עמערדזשענסי אלערט סיסטעם, אויף alert.ny.gov. עמערדזשענסי אינפארמאציע לויט די קאונטי קענען געשיקט ווערן דורך טעקסט מעסעדזש אדער אימעיל.

<u>**נאך סטעיט אגענטור אפרופונגען**</u>

**ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט**

שטייענדיג בעפאר די שטורעם, האבן טראנספארטאציע דעפארטמענט ( Department of Transportation, DOT) קרעפטן אקטיווערהייט איסגערייניגט שטורעם אפלויף רערן און לעכער צו זיכער מאכן אז די וואסער זעצט פאר צו פליסן. מאנשאפטן פאטראלירן יעצט אקטיווערהייט די שאסייען אין דאַונסטעיט און האלטן אן אויג אויף פארפלייצונג אומשטענדן, אוועקנעמנדיג אראפגעפאלענע ביימער און ווארטנדיג פאר פארפלייצונג אומשטענדן זיך צו בארואיגן.

פארפלייצונגען קומען פאר אויף שאסייען אריבער ניו יארק סיטי.

אין די האדסאן וואלי זענען די פאלגנדע שאסייען אפגעשפארט געווארן:

- בראנקס ריווער פארקוועי איןביידע ריכטונגען, ביי Palmer Avenue, יאנקערס
- בראנקס ריווער פארקוועי אין ביידע ריכטונגען, ביי עקזיט 21 - NY 119 - Tarrytown Road; Chatterton Avenue, ווייט פלעינס
- ספרעין ברוק סטעיט פארקוועי אין ביידע ריכטונגען צווישן START ROUTE פון ספרעין ברוק סטעיט פארקוועי און עקזיט - NY 100, איסטשעסטער
- בראנקס ריווער פארקוועי צפון-ריכטונג, ביי קראס קאונטי פארקוועי, מאונט ווערנאן
- ספרעין ברוק סטעיט פארקוועי צפון-ריכטונג ביי Jackson Avenue, גרינבורג
- NY 117 אין ביידע ריכטונגען ביי Old House Lane, ניו קעסל
- סאו מיל ריווער פארקוועי אין ביידע ריכטונגען, צווישן I-287; ראמפע און עקזיט 20 - I-87, גרינבורג

אין לאנג איילענד זענען די פאלגנדע שאסייען אפגעשפארט געווארן:

- אלע שאסייען בלייבן אפן
- נארטערן סטעיט פארקוועי מזרח-ריכטונג ביי מעדאָוברוק סטעיט פארקוועי – לינקע לעין פארפלייצט, DOT אויפן סצענע
- לאנג איילענד עקספרעסוועי צפון סערוויס ראָוד נעבן Lakeville Road – אלע לעינס פארפלייצט אבער מעגליך אריבערצופארן.
- סאוטערן סטעיט פארקוועי מערב-ריכטונג נעבן די קראס איילענד פארקוועי/בעלט פארקוועי אינטערטשעינדזש – לינקע און צענטער לעינס פארפלייצט, DOT אויפן סצענע
- בוים אוועקגענומען פון וואַנטאַ סטעיט פארקוועי צפון-ריכטונג ביי סאָנרייז הייוועי
- וואַנטאַ סטעיט פארקוועי און בעי פארקוועי – פארפלייצונג אוועקגענומען געווארן

- ראמפע פון Crooked Hill Road ארויף צו צפון-ריכטונג סעגטיקאָוס סטעיט פארקוועי – פארפלייצונג אוועקגענומען; DOT אויפן סצענע און פאמפט ארויס וואסער

פאלגט נאך 511 פאר די לעצטע שאסיי אומשטענדן אין אייער געגנט.

**מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט**
MTA מאנשאפטן געפונען זיך אריבער די שאסייען פאמפענדיג וואסער פון די רעלסן צו צוריקשטעלן זיכערע, פארלעסליכע סערוויס אויף סאָבוועיס און מעטראָ-נארט באנען. לאנג איילענד רעיל ראָוד סערוויס לויפט אינגאנצן אדער כמעט אויפן סקעדזשול. פאסאזשירן זאלן צולייגן מער צייט צו זייער רייזע אויב זיי מוזן פארן, און פארזעצן צו קוקן אויף new.mta.info, אויף די myMTA עפּ און אויף די TrainTime עפּ פאר בשעת-מעשה'דיגע סערוויס אינפארמאציע.

**ניו יארק סטעיט פאליציי**
די סטעיט פאליציי פאלגט אקטיווערהייט נאך די מצב און קאארדינירט מיט אונזערע שותפים אין די DHSES, NYSTA, DOT און אנדערע אגענטורן. מיר האבן אריבערגעברענגט נאך מאנשאפט מיטגלידער, און מיר קאנצעטרירן אונזערע באמיאונגען אויף הייוועיס און אנדערע פלעצער וואס ווערן גרינג פארפלייצט. מיר האבן א פארפלייצונג רעטונג מאנשאפט מיט 6 מיטגלידער אויסגעשטאט מיט אן עירבאָוט שיפל און נאך אן אויפגעבלאזענע שיפל מאביליזירט אין וועסטשעסטער קאונטי, און זיי גייען יעצט ארומקוקן אין איינגעזינקענע קארן אין ניו ראָושעל. נאך א פארפלייצונג רעטונג מאנשאפט איז אויפן וועג קיין וועסטשעסטער צו ערזעצן די יעצטיגע מאנשאפט 3:00 נאכמיטאג, און מיר האבן א 3'טע מאנשאפט וואס גרייט זיך ארויסצוגעשיקט ווערן.

**דעפארטמענט פון פובליק סערוויס**
מער פון 2,000 עלעקטריציטעט באניצער אין די דאַונסטעיט ראיאן זענען יעצט אין א קורצשלוס צוליב די שווערע רעגן. שאדן אפשאצונג, פארריכטונג און צוריקשטעלונג מאנשאפטן פון די יוטיליטי פירמעס ארבעטן צו מינימיזירן און פארריכטן סיי וועלכע שאדנס צו די עלעקטריציטעט אינפראסטרוקטור, און די דעפּארטמענט פון פובליק סערוויס שטייט אין דירעקטע פארבינדונג מיט די יוטיליטי אפעראציעס פירערשאפט און פאלגט נאך די אפרופונג און צוריקשטעלונג באמיאונגען פון די יוטיליטי פירמעס.

**<u>פלוצלינגדיגע פארפלייצונגען זיכערהייט טיפס</u>**

- פרובירט נישט קיינמאל צו דרייוו'ען אויף א פארפלייצטע ראוד. דרייט זיך אום און נעמט אן אנדערע וועג.
- אויב וואסער הייבט אן גיך זיך הייבן ארום אייך, פארלאזט זאפארט די קאר.
- שאצט נישט אונטער די כוח פון גיך-באוועגיגע וואסערן. צוויי פיס שנעל-באוועגיגע פארפלייצונג וואסער וועלן אונטערהייבן אייער קאר, און וואסער וואס ציט זיך בלויז צוויי מייל א שעה קען אראפוואשן קאר פון א ראוד אדער בריק.

פאר מער אינפארמאציע איבער פערזענליכע גרייטקייט און איבער וויאזוי זיך צו האלטן זיכער דורכאויס שווערע וועטער, באזוכט: https://www.dhses.ny.gov/safety-and-prevention.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן